NEW YORK STATE | Unemployment Insurance Appeal Board



# ווירטועלע הירינגס אנטיילנעמער וועגווייזער

# ליסטע פון אינהאלט




זיך גרייטן פאר אייער ווירטואלע הירינג — בלאט 3

אריינ'טשעקן צו אייער ווירטואלע הירינג — בלאט 5

זיך באטייליגן אין אייער ווירטואלע הירינג — בלאט 9

אפט געפרעגטע פראגעס — בלאט 11

# זיך גרייטן פאר אייער ווירטועלע הירינג

## 1 איבערקוקן אייערע דאקומענטן

איר מוזט האבן אייער קעיס פייל מיט זיך דורכאויס אייער הירינג. איר וועט דארפן אייער הירינג מעלדונג צו ארייננ'טשעקן צו אייער הירינג.

קוקט איבער אלע דאקומענטן וואס איר האט באקומען מיט אייער קעיס פייל.

## 2 מאכן אייער דעווייס גרייט

איר זאל אנהויבן צוגרייטן און אויספרובירן אייער דעווייס כאטש צוויי טעג איידער אייער באשטימטע הירינג צייט. דאס וועט העלפן פארמיידן פארשפעטיגונגען און/אדער דיפאולטס.

### 2 טעג בעפאר

- דאונלאוד'ט די **Cisco Webex** אפליקאציע אויפ'ן דעווייס וואס איר פלאנט צו נוצן פאר אייער הירינג.
- כדי אנטיילצונעמען אין די הירינג נוצנדיג א מאביל דעווייס, מוזט איר דאונלאוד'ען די **Webex Meetings** אפליקאציע בעפאר אייער הירינג דאטום. איר קענט דאונלאוד'ען די **Webex Meetings** אפליקאציע נוצנדיג איינער פון די QR קאודס אנגעגעבן אונטן.

| iPhone | Android |
|---|---|
| | |

- פרובירט אויס און אויספראווירן זיצונג אויף www.webex.com/test-meeting. מאכט זיכער צו איבערקוקן אייער מייק און קאמערא.

## 2 מאכן אייער דעווייס גרייט (פארגעזעצט)

### 30 מינוט בעפאר

- שטעלט אן אייער מאבייל טעלעפאן אויף 'נישט שטערן' און לעשט אויס שלאפן/רוען מאדע איידער איר טשעקט'ט אריין.
- טשעקט'ט אריין צו אייער הירינג.

**קוקט איבער די אפטע געפרעגטע פראגעס אויף בלעטער 12 און 13 פאר וויאזוי צו טויש די אויסוואלן פון 'נישט שטערן' און פון פארשפארן די סקרין.**

אויב איר קענט נישט טויש אייער דעווייס אויסוואלן, דאן לייענט די ווייכטיגע מעלדונגען אויפ'ן נעקסטע בלאט.

## 3 וויכטיגע באמערקונגען

- אויב איר קענט נישט טויש אייער Screen Lock (פארשפארן סקרין) אדער Do Not Disturb (נישט שטערן) אויסוואלן אויף אייער מאבייל טעלעפאן, זאלט איר זיין גרייט און אויפמערקזאם מיט די ווירטואלע הירינג צענטער ווארטן צימער אויף אייער סקרין. אויב איר באטייליגט זיך פון א מאבייל טעלעפאן, ווען איר ארויפקומען אלס נישט גרייט צום ריכטער אויב אייער בראוזער פארלעשט זיך אדער אייער טעלעפאן ווערט פארשפארט. איר קענט אייך פארפאסן די מינוט ווען אייער הירינג ווערן געמאלדן. אויב איר באהעפט זיך דורך א מאבייל דעווייס, קענט איר טאפן אויף אייער סקרין איידער עס דארף זיך פארשפארן עס צו האלטן אפען. קוקט איבער אייערע אויסוואלן צו זען ווי לאנג אייער סקרין בלייבט אנגעצינדן איידער עס פארשפארט זיך.
- אויב איר נוצט אן Apple iPhone, iPad אדער Mac קאמפיוטער, קענט איר נוצן די Safari בראוזער. Google Chrome וועט נישט ארבעטן איינמאל מען עפנט די Webex אפליקאציע.

# אריינ'טשעק'ן צו אייער ווירטואלע הירינג

**איר זאל אנהויבן צו אריינ'טשעק'ן צו אייער הירינג כאטש 30 מינוט פאר אייער באשטימטע הירינג צייט.**
אויב איר נוצט א מאבייל טעלעפאן, לעשט אויס די סקרין שלאס און לייגט ארויף "נישט שטערן" און דערנאך נעמט די פאלגנדע שריט כדי אריינצו'טשעק'ן. אייער סקרין און בראוזער מוזן בלייבן אקטיוו איינמאל איר טשעק'ט אריין, אויב נישט ווערט איר ערשיינען אלס נישט גרייט.

1 גייט צו [www.uiappeals.ny.gov/virtual-hearings](http://www.uiappeals.ny.gov/virtual-hearings).

2 דרוקט אויף די **Attend Your Hearing** (זיך באטייליגן אין אייער הירינג) קנעפל.

3 אויף די "ווירטואלע הירינגס זענען דא" בלאט, לייגט אריין אייער ווירטואלע הירינג ID אין די פלאץ פאר די **ווירטואלע הירינג ID**. איר קענט טרעפן אייער ווירטואלע הירינג ID אויף אייער הירינג מעלדונג.

4 דרוקט אויף די **Continue** (ווייטער) קנעפל.

5

קוקט איבער די <u>טערמינען און באדינגונגען</u>, דערנאך דרוקט אויף די בלויע **איך שטים צו** קנעפל צו ווייטער גיין.

די ניו יארק סטעיט ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס אפיעל באורד (Unemployment Insurance Appeal Board, UIAB) פירט אדורך ווירטואלע הירינג צו ערלויבן אנטיילנעמענדע אין ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס הירינגס זיך צו טרעפן און דארפן זיין פיזיש אנוועזנד ביי א הירינג לאקאל. די UIAB פירט אדורך ווירטואלע הירינג דורך זייער ווירטואלע הירינג צענטער (Virtual Hearing Center, VHC) אפליקאציע.

די VHC אפליקאציע און אלע אינפארמאציע דערין געהערט צו די UIAB. עס איז פארבאטן צו נוצן אדער פרובירן צו נוצן דעם אפליקאציע אן קיין אויטאריזאציע און עס קען הייסן א פעדעראלע אדער סטעיט פארברעכן. באנוצער זאלן האבן צוטריט צו די VHC אפליקאציע בלויז אין קעיסעס וואו זיי זענען א צד פון אינטערעס.

באנוצער מוזן אויספאלגן אלע פעדעראלע און סטעיט געזעצן.

6

וועלט אויס אייער ראלע פאר'ן הירינג (קלעימענט, ארבעטסגעבער, קאמישאנער און לעיבער פארטרעטער, אדער אנדערע).

7

לייגט אריין אייער אימעיל אדרעס אין די **אימעיל** אויב איר ווילט באקומען ווייטערדיגע מעלדונגען איבער דעם הירינג.

8

וועלט אויס "יא" אדער "ניין" פאר די **דארפט איר א דאלמעטשער פאר דעם הירינג?** פראגע. אויב איר וועלט אויס "יא", וועט איר דארפן אויסוועלן א שפראך.

9

דרוקט אויף די בלויע **Submit** (אריינגעבן) קנעפל.

10

לייגט אריין אייער ערשטע נאמען אין **ערשטע נאמען** פראגע און אייער לעצטע נאמען אין די **לעצטע נאמען** פראגע. איר קענט אויך אריינלייגן אייער טעלעפאן נומער אין די **טעלעפאן** פראגע.

11

דרוקט אויף די בלויע **Submit** (אריינגעבן) קנעפל און ווארט פאר דעם ריכטער אנצוהייבן אייער הירינג.

**נאכ'ן ארייינגעבן אייער אינפארמאציע, וועט איר געפירט ווערן צום ווירטואלע ווארטן צימער סקרין. די סקרין מוז בלייבן אקטיוו אויף אייער דעווייס פאר דעם ריכטער צו זען אז איר האט ארייינגע'טשעק'ט צו אייער הירינג.**

## ביטע נעמט אין אכט די פאלגנדע:

- עס וועט ארויפקומען א מעלדונג וואס וועט אייך זאגן ארייינצוגיין צו אייער הירינג ווען דער ריכטער הויבט אן די הירינג. איר וועט דארפן דרוקן אויף די גרינע **"Enter Hearing"** (ארייינגיין צום הירינג) קנעפל אנצוהויבן דעם Webex אפליקאציע, דרוקן "באטייליגן אינעם זיצונג", דערנאך ווארטן ביז דער ריכטער לאזט אייך ארייין.

- הירינגס ווערן גערופן ביי זייער באשטימטע צייט. זייט גרייט פאר די אנהויב פון אייער הירינג דורך זיין גרייט און אויפמערקזאם.

- הירינגס וועלן נישט גערופן ווערן איידער די באשטימטע אנהויב צייט.

- אומפארזעענע אומשטענדן קענען פאראורזאכן א פארשפעטיגונג מיט אנהויבן אייער באשטימטע הירינג מיט ביז 45 מינוט. ביטע בלייבט גרייט אפילו אויב עס איז דא א פארשפעטיגונג אין אייער אנהויב צייט.

- אויב איר באהעפט זיך מיט מאבייל דעוויס, מוז אייער סקרין בלייבן אקטיוו ווען איר ווערט פאר אייער הירינג. (לעשט אויס די פארשפארן סקרין/טיים אוט אויף אייער מאבייל דעווייס אויסוואלן).

- צו פארגרינגערן אייער באנוץ, ביטע אינסטאלירט Webex איידער אייער הירינג. מען קען דאונלאוד'ען Webex אויף https://www.webex.com/downloads.html

**פאר נאך אינפארמאציע איבער די הירינג פראצעדור ביטע באזוכט:**
**https://uiappeals.ny.gov/virtual-hearings**

# זיך באטייליגן אין אייער ווירטואלע הירינג

**אלס א דערמאנונג**, אייער סקרין מוז בלייבן אקטיוו אויף די ווירטואלע ווארטן צימער איינמאל איר האט אריינגע'טשעק'ט, אדער וועט איר ווערן ארויסגע'טשעק'ט פון אייער הירינג.

1

ווען דער ריכטער הויבט אן די הירינג, וועט ארויפקומען א מעלדונג מיט א גרינע **Enter Hearing** (אריינגיין צום הירינג) קנעפל.

דרוקט אויף **Enter Hearing** (אריינגיין צום הירינג) צו עפענען די Webex זיצונג.

א נייע טעב וועט זיך עפענען אין אייער בראוזער, און איר וועט געבעטן ווערן צו אנהויבן די Webex אפליקאציע.

כאטש איר דארפט האבן די Webex אפליקאציע אפן אויף אייער סקרין, **זאלט איר נישט פארמאכן די "ווירטואלע אפוינטמענטס" טעב צו די ווארטן צימער אדער וועט איר ווערן ארויסגע'טשעק'ט.**

2

איר וועט מעגליך געפרעגט ווערן אין אייער וועב בראוזער אויב איר ערלויבט די Webex אפליקאציע זיך צו עפענען. דרוקט אויף די **Open Webex** (עפענען Webex) קנעפל.

אויב איר ווילט נישט נאכאמאל ווערן געפרעגט דאס, דאן צייכנט דעם קעסטל וואס פרעגט אויב מען זאל אלעמאל ערלויבט uiabhearings.webex.com צו עפענען אזעלכע סארט לינקס אין די פארבינדענע עפפ, דערנאך דרוקט אויף די **Open Webex** (עפענען Webex) קנעפל.

***זעט דעם נעקסטן בלאט אויב איר נעמט אנטייל פון א מאבייל טעלעפאן.***

3

ווען אייער Webex אפליקאציע עפנט זיך, דרוקט אויף די **Unmute** (קענען רעדן) און **Start video** (אנהויבן ווידעא) קנעפלעך אונטן פון די Webex פענסטער.

4

דרוקט אויף די גרינע **Join meeting** (באטייליגן אינעם זיצונג) קנעפל.

## אריינגיין צו אייער הירינג נוצנדיג א מאבייל טעלעפאן

ווען איר דרוקט אויף די גרינע **Enter Hearing** (אריינגיין צום הירינג) קנעפל פון דיווארטן צימער סקרין, וועט א נייע טעב זיך עפענען אין אייער בראוזער וואס וועט אייך זאגן צו עפענען Webex אדער אנהויבן די Webex אפליקאציע. דרוקט אויף די **Open** (עפענען) אדער **Launch** (אנהויבן) צו עפענען די Webex אפליקאציע אויף אייער טעלעפאן.

**דאס בעסטע איז צו דאונלאוד'ען די אפליקאציע כאטש צוויי טעג איידער אייער באשטימטע הירינג צייט.**

# אפט געפרעגטע פראגעס

## 1 "איך האב נישט קיין קאמפיוטער אדער סמארטפאון."

אויב איר האט נישט קיין צוטריט צו אן עלעקטראנישע דעוויס, קענט איר אריינרופן צו אייער הירינג. רופט (518) 545-3889 אריינצו'טשעק'ן אוןווארט פאר דעם ריכטער אנצוהויבן די הירינג.

## 2 "איך בין א פארשטייער, דאלמעטשער, אדער עדות. וועלכע טשעק-אין ראלע זאל איך אויסוועלן?"

ווען איר טשעקט'ן אריין צו אייער הירינג, וועלט אויס ""Other" (אנדערע) אלס אייער ראלע.

## 3 "וואס וועל איך דארפן האבן מיט זיך פאר מיין הירינג?"

איר זאלט האבן אלע אייערע הירינג דאקומענטן מיט זיך איידער אייער הירינג הויבט זיך אן. איר וועט דארפן די קעיס נומער וואס געפונט זיך אויף אייער הירינג מעלדונג אריינצוקומען צו אייער הירינג.

אויב איר האט נישט באקומען קיין דאקומענטן פון אונזער אפיס 1 וואך איידער אייער באשטימטע הירינג, זאלט איר רופן (518) 402-0210 פאר הילף.

## 4 דארפט איר נאך הילף מיט אייער הירינג?

אויב איר האט נאך פראגעס איבער אייער הירינג, קענט איר רופן (518) 402-0210.

# אפט געפרעגטע פראגעס (פארגעזעצט)

## 5 "איך האב אן iPhone. וועלכע בראוזער זאל איך נוצן?"

אויב איר נוצט אן Apple iPhone, iPad אדער Mac קאמפיוטער, זאלט איר נוצן די Safari בראוזער. איר קענט האבן טעכנישע שוועריקייטן מיט עפענען די Webex אפליקאציע נוצנדיג Google Chrome אויף אן iPhone.

## 6 "וויאזוי קען איך לייגן מיין iPhone אויף 'נישט שטערן'?"

1. סווייפ'ט אראפ פון די אויבערשטע רעכטע ווינקל פון אייער סקרין.
2. דרוקט אויף די Focus (פאקוס) קנעפל נעבן די בילד פון די לבנה.
3. דרוקט אויף Do Not Disturb (נישט שטערן).

## 7 "וויאזוי קען איך אפהאלטן מיין iPhone סקרין פון זיך פארשפארן?"

1. גיי צו סעטינגס.
2. דרוקט אויף Display & Brightness (דיספלעי און ליכטיגקייט).
3. דרוקט אויף Auto-Lock (זיך אליינס פארשפארן).
4. וועלט אויס **Never** (קיינמאל).

## 8 "וויאזוי קען איך לייגן מיין Android אויף 'נישט שטערן'?"

1. סווייפ'ט אראפ פון די אויבן פון אייער סקרין.
2. דרוקט אויף Do Not Disturb (נישט שטערן).

# אפט געפרעגטע פראגעס (פארגעזעצט)

## 9 "וויאזוי קען איך אפהאלטן מיין Android סקרין פון זיך פארשפארן?"

1. גיי צו סעטינגס.
2. דרוקט אויף Security & privacy (זיכערהייט און פריוואטקייט).
3. דרוקט אויף Screen lock (פארשפארן סקרין).
4. לייגט אריין פאסקאוד.
5. וועלט אויס **None** (קיין איינס).

## 10 "וויאזוי קען איך אפהאלטן מיין קאמפיוטער סקרין פון זיך פארשפארן?"

1. מאכט א רעכטע קליק אויף אייער הויפט סקרין.
2. דרוקט אויף Display settings (דיספלעי סעטינגס).
3. דרוקט אויף Power & sleep (ענערגיע און שלאפן) אין די לינקע מעניו.

אין די שלאפן אפטיילונג:

4. אונטער "On battery power, turn off after" (אויף באטערי ענערגיע, לעשט אויס נאך), וועלט אויס **Never** (קיינמאל).
5. אונטער "When plugged in, turn off after" (ווען ארייגעפלאג'ט, לעשט אויס נאך), וועלט אויס **Never** (קיינמאל).